בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת שופטים

גליון קנה שנה ד

בהוצאת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א




# ווער שטייט אונטער זיי און געבט זיי די כח?

די פרשה הייבט אן מיט די מצוה פון "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך" - כלל ישראל באקומט א מצוה אוועק צו שטעלן אין יעדע שטאט דיינים וואס וועלן פסקענען הלכות און פירן די כלל ישראל.

די גמרא אין סנהדרין ברענגט אויף דעם א ברייתא: "תנו רבנן מנין שמעמידין שופטים לישראל - פון ווי ווייסט מען אז מ'דארף שטעלן דיינים אין כלל ישראל - "תלמוד לומר שופטים תתן, שוטרים לישראל מנין? תלמוד לומר שוטרים תתן, די ברייתא שרייבט אז מ'דארף שטעלן שופטים און שוטרים אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "שופטים ושוטרים תתן לך", מ'דארף פארשטיין וואס האט אונז דא די ברייתא אויס געלערנט? וועלכע חידוש האט אונז די ברייתא דא אויס געלערנט וואס מיר האבן ביז יעצט נישט פארשטאנען פון דעם פסוק?

שפעטער אין די פרשה לערנט אונז די תורה נאך א מצוה "לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל" זאלסט דיך נישט אוועק ריקן פון וואס די חכמים הייסן דיר רעכטס אדער לינקס, ברענגט אויף דעם רש"י "אפילו אומר לך על ימין שהיא שמאל ועל שמאל שהיא ימין וכל שכן שאומר לך על ימין ימין ועל שמאל שמאל" - אפילו ווען דער חכם זאגט דיר אז רעכטס איז לינקס מוז מען אים פאלגן, און א וודאי אויב ווען ער זאגט דיר אז רעכטס איז רעכטס זאלסטו אים פאלגן.

לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין וואס וויל דא רש"י זאגן, די ערשטע חלק פון רש"י איז נאך פארשטענדליך אז אפילו ווען דער חכם זאגט דיר פארקערט פון דיין שכל זאלסטו אים פאלגן, אבער די צווייטע חלק ווען דער חכם זאגט אויף רעכטס אז ס'איז רעכטס און אויף לינקס אז ס'איז לינקס וואס דארף מען אויף דעם א פסוק אז מ'מוז אים פאלגן, און וואס ברענגט דא רש"י אזא "כל שכן" אז מ'מוז אים פאלגן, וואס וויל אונז רש"י זאגן מיט דעם?

*

איך האב היינט באקומען זייער א דרינגענדע טעלעגראם האט דער ראש הקהל אנגעהויבן די אויסער געוועהנליכע זיצונג פון ועד הקהילה מיט א ערנסטע פנים, איך וויל דאס פארליינען פאר אייך ווארט ביי ווארט:

"צו די קהילה קדושה אין ירושלים עיר הקודש, איך דער רב פון נאוואמינסק, בעט די הילף פון די יידישע קהילה אין ירושלים, מיר זענען אין א גרויסע צרה וואס נאר ענק קענען אונז ארויס העלפן פון דעם, ומעשה שהיה כך היה, א האלבע יאהר צוריק איז געהרגעט געווארן א גרויסער רעגירונג באהאמטער מיט'ן נאמען נאצאלניק, צוויי יידן אליעזר און נח הארוויץ האבן אריין געגעבן עדות ביי די פאליציי אז זיי האבן געזעהן ווי אזוי פינף גויים האבן געכאפט דעם באהאמטער און אים געהרגעט, וועגן דעם האט מען דן געווען די פינף גוים צו טויט שטראף.

למעשה איז דאס געווען א עדות שקר, אבער די צוויי יידן האבען גלייך נאך דעם אוועק געצויגן פון דא קיין ירושלים און זיי וואוינען יעצט ביי יצחק פרידמן פון מעזריטש, איך בעט אריבער צו רופן די צוויי יודען און זיי אויס פרעגן און שיקן א בריוו צו די רוסישע קאנסעל אין ירושלים אז זיי זענען מודה אז זיי האבן דאס געמאכט וועגן א פריוואטע שנאה וואס זיי האבן געהאט קעגן די גויים, דורך דעם וועט מען ראטעווען די פינף גויים פון טויט אין די גאנצע יידישע קהילה פון א שרעקליכע פאגראם וואס די גויים וועלן מאכן אין אונז אויב מ'וועט הרגענען זייערע חברים."

על החתום רבינער ראבינוביטש נאוואמינסק.

דער ועד האט געלאזט שיקן שליחים צו יצחק פרידמן זעהן אויב ס'איז טאקע דא א זעלכע מענטש דא אין שטאט, מ'האט זיי געלאזט רופן און אויסגעפרעגט אויף די גאנצע מעשה, זיי האבן מודה געווען אז זיי האבן געגעבן עדות אנטקעגן די פינף גויים, אבער ס'איז טאקע אמת און זיי קענען נישט צוריק ציהען פון די עדות.

אבער ס'איז דאך א סכנה פאר די יידן וואס וואוינען אין נאוואמינסק - האבן די ועד געטענה'ט.

אבער אונזערע עדות איז דאך אמת - האבן די ברידער הארוויץ געענטפערט.

פקוח נפש איז דוחה כל התורה - האט מען זיך גע'טענה'ט מיט זיי.

אונז ציהען נישט צוריק פון די עדות און דאס איז נישט אייער געשעפט וואס ס'גייט פאר אין נאוואמינסק - האבן זיך די ברודער גע'עקשנ'ט.

## דבר העורך



זיי זענען געזעצן אינדרויסן אין די פרישע לופט און הנאה געהאט פון די שיינע אויסזיכט וואס מ'האט געזעהן פון די חצר פון די קעמפ.

זיי זענען געווען פארטיפט אין א שאח שפיל, וואס האט זיך געצויגן א לאנגע שעה, ארום און ארום זענען געשטאנען אסאך בחורים און צו געקוקט די שפאנענדע שפיל צווישן די צוויי שטערקסטע קעפ אין ישיבה, משה האט אויסגערעכנט יעדע טריט מיט אלע מעגליכקייטן וואס ס'איז נאר דא, אין געמאכט זייער קליגע גענג.

קעגן אים איז געזעצן דוד וואס האט שוין פארשטאנען אז ער וועט נישט געווינען אין דעם שפיל, מיט יעדע טריט האט ער פארלוירן נאך און נאך כלים, און ער האט נאר געזיכט א וועג ארויס צו גיין פון די גרויסע בזיונות וואס ער האט דא לעבן אלע חברים וואס קוקן צו דעם שפיל.

משה איז געווען פארטראכט אין די נעקסטע מהלך וואס ער גייט טוהן, ער האט געהאלטן אינמיטן אויסרעכנען די מאט וואס ער גייט ברענגען אויף דוד אין די נעקסטע פאר טריט, דוד האט אויך פארשטאנען אז דאס גייט דא געשעהן און ער האט עס נישט געקענט איינשלינגען.

אין די צייט וואס משה האט אויס גערעכנט זיינע מהלכים האט דוד אויס גערעכנט אינגאנצן א אנדערע זאך, מיט קליינע טריטן האט ער דערנענטערט זיין פיס צום שפיל, אן קיינער זאל שפירן אז ער פלאנט דא עפעס צו טוהן, און פלוצלינג אן קיינער זאל באמערקן האט זיך דער שפיל געגעבן א דריי איבער און אלע כלים האבן זיך צושפרייט אויף אלע זייטן.

די שפיל האט זיך געענדיגט.

אבער משה איז נאך געבליבן זיצן פארטראכט, ער האט נאך געהאלטן אינמיטן אויסרעכנען זיין מהלך און ער האט פראבירט צוריק צו שטעלן די כלים אויף זייער פלאץ, ער האט נאך געהאפט אז ער וועט קענען געווינען די שפיל.

וועק דיך אוף משה – האט אים דוד געזאגט – ס'געענדיגט די שפיל, ס'איז נישטא כלים, אלעס איז צושפרייט און צומישט געווארן.

אבער משה האט נישט געענטפערט ער איז נאך געווען דארט, טיף אין די שפיל און געפלאנט ווי אזוי ער גייט געווינען, אשאד איך האב אזא גוטע מהלך איך וויל מיך נישט אפ האקן פון דעם – האט ער געזאגט.

יעדער מענטש האט זיך זיין פלאן ווי אזוי ער גייט געווינען די וועלט, יעדער האט א פלאן וועלכע כלים ער וועט ריקן און וועלכע מהלכים ער וועט טוהן, און ווי אזוי ער וועט יענעם געווינען און ברענגען אויף זיך זיין הצלחה, די פלענער נעמען ארום דעם מענטש א גאנצע יאהר און אלע חלקים פון די לעבן, יעדער האט א פונקטליכע פלאן ווי אזוי ער גייט מצליח זיין, און וואס ער גייט טוהן, א.א.וו.

און פלוצלינג איז געקומען תש"פ און דער אייבישטער האט צושאקלט די וועלט, אלע כלים האבן זיך צושפרייט און אלע פלענער זענען געפלויגן אויף אלע זייטן, געים אווער, די שפיל איז געענדיגט, נאר דער מענטש בלייבט נאך פארטראכט אין די שפיל אפשר וועט ער דאך קענען אויספירן זיינע פלענער, אפשר וועט ער דאך קענען צוריק דרייען ד וועלט אזוי ווי ער וויל און נישט אזוי ווי דער אייבישטער האט אים צוגעשטעלט.

מיר זענען אזוי טיף אין די שפיל אז מ'קען זיך גארנישט אויף וועקן פון דעם, איז יעצט אנגעקומען חודש אלול און מ'האט זיך גענומען בלאזן שופר "עורו ישנים משנתכם" לאמיר זיך אויף וועקן פון אונזערע חלומות, לאמיר פארשטיין איינמאל פאר אלע מאל אז נאר איינער פירט די מהלכים און לאמיר זיך דערנענטערן צו אים, ווייל נאר אין זיינע הענט ליגן די ריכטיגע כלים פאר אונזער גוטע לעבן.

**א גוטן שבת**

די קולות זענען ארויף אין אראפ און יעדער האט זיך געשטארקט מיט זיין מיינונג, א חלק פון די ועד האבן זיך שוין געזעצט צו גרייטן די לשון פון די בריוו וואס מ'וועט שיקן פאר דער רוסישער קאנסל, א בריוו וואס וועט ראטעווען אסאך יידישע קינדער פון א פאגראם.

לאמיר ארויף גיין צום רב און הערן וואס ער זאגט אויף דעם - האט זיך אנגערופן איינע פון די חברי הועד.

דו פארשטייסט דאך אליין אז דער רב איז נישט די אדרעס פאר אזעלכע זאכן - האט זיך צוריק גערופן א צווייטער.

אויף יעדע פאל מוז דאך דער רב אונטערשרייבן די בריוו - האט זיך א דריטער אנגערופן - איז לאמיר שוין יעצט ארויף גיין צו אים דאס אדורך שמועסן.

א שעה שפעטער האבן זיך די חברי הועד נאכאמאל געטראפן ביים רב אינדערהיים, דער צווי און ניינציג יעריגער רב דער הייליגער "ישא ברכה" וואס האט אויך געטראגן דעם טייטל "ראשון לציון" - דער הויפט ספרידשער רב פון ירושלים, האט צו געהערט אלע צדדים, און ווען זיי האבן אים צוגעברענגט דעם בריוו אונטער צו שרייבן, האט ער זיך פארטראכט אפאר מינוט און זיי געזאגט:

"לויט מיין מיינונג איז דער נאוואמינסקער טעלעגראם אינגאנצן פאלש, ס'קען זיין אז דער נאוואמינסקער רב ווייסט גאר נישט פון דעם, און ס'קען זיין אז ער ווייסט יא נאר מ'האט אים געצווינגען צו שרייבן דעם בריוו, ס'שמעקט מיר אז די משפחות פון די רוצחים האבן געשיקט דעם בריוו, וממילא וועט אונזער בריוו נאר ברענגען צרות פאר די יידן אויב מיר וועלן זיי געבן א סיבה צו טענה'ן אז די יידן האבן געזאגט עדות שקר אנטקעגן גוים.

די חברי הועד זענען ענשטוינט געווארן, אויף אזא טענה האבן זיי גאר נישט געטראכט.

וואס טוהט מען יעצט?

די ויכוחים האבן זיך נאך אמאל אנגעהויבן א חלק טענה'ן אז ס'קען נישט זיין, און א חלק טענה'ן אז מ'מוז אנעמען די דעת תורה פונעם רב, א דריטע דעה האט זיך שטילערהייט געהערט אז דער רב איז שוין נישט אין די כלים וממילא מוז מען זיך נישט רעכענען מיט זיין דעה, די קולות זענען ארויף און אראפ.

פון איין זייט זעהט אויס אז אויב מ'וועט נישט שיקן א בריוו וועט מען אריין לייגן א גאנצע קהילה אין א סכנה, אבער פון די אנדערע זייט איז דא א סברא אז דווקא אזא בריוו וואס וועט באווייזן אז יידן האבן געמאכט א בלבול אויף די גוים דאס וועט אריין ברענגען די נאוואמינסקע קהילה אין א סכנה.

איך מיין - האט דער רב שטיל געמאכט די עולם - אז מ'זאל צוריק שרייבן א בריוו אז די רבנים פון ירושלים זענען אונטער די טערקישע מלוכה, און זיי מעגן זיך נישט אריין מיש'ן אין וואס ס'גייט פאר אין נאוואמינסק וואס איז אונטער די רוסישע מלוכה, מיט אזא תשובה וועט זיכער נישט שלעכט מאכן פאר קיינעם.

די חברי הועד זענען ארויס פונעם רב אינגאנצן צומישט, א חלק האבן פארשטאנען אז מ'מוז אנעמען די דעת תורה פונעם רב, און טאקע פאר דעם איז ער דער רב, אבער א חלק האבן געטענה'ט אז דער צוויי און ניינציג יעריגער רב האט נישט די ריכטיגע יישוב הדעת מכריע צו זיין אין אזא שווערע סוגיה.

לאמיר מאכן א פשרה - האט זיך אנגערופן דער ראש הקהל - לאמיר ארויף גיין צו די אשכנזישער רב צו רבי שמואל סאלאנט, און לאמיר אים דערציילן די גאנצע מעשה, אן צו דערציילן וואס אונזער רב האלט, און לאמיר הערן וואס ער וועט פסקענען.

צו דעם האבן אלע מסכים געווען.

ס'איז שוין געווען שפעט ביי נאכט, אבער וועגן די וויכטיגקייט פון די זאך זענען זיי אריבער צו רבי שמואל סאלאנט וואס איז שוין אויך געווען א בן תשעים.

רבי שמואל איז ארויס פון בעט לכבוד זיי, ער האט זיי געזעצט צום טיש און צו געהערט פון יעדער איינער וואס ער האט צו זאגן, זיי האבן אלע מקפיד געווען נישט צו דערמאנען וואס זייער רב האט געזאגט, און געווארט צו הערן וואס רבי שמואל האלט אז מ'זאל יעצט טוהן.

אויב איהר ווילט אנעמען מיין דעה - האט זיך דער ירושלימער רב אנגערופן - האלט איך אז די טעלעגראם איז פאלש פון אנהייב ביז'ן סוף, די טעלעגראם האבן געשיקט די משפחות פון די רוצחים, דער נאוואמינסקער רב ווייסט מסתמא נישט פון דעם בריוו, און ס'קען אפילו זיין אז ס'איז גארנישט דא אזא רב מיט'ן נאמען ראבינוביץ אין נאוואמינסק.

איז וואס זאלן מיר טוהן? - האבן די חברי הועד געפרעגט אינגאנצן איבעראשט.

ווער זאגט אז מ'דארף עפעס טוהן? - האט רבי שמואל צוריק געפרעגט - קען זיין אז ס'איז גענוג צוריק צו ענטפערן מיט א דיפלאמאטישע בריוו, און שרייבן אז מיר זענען אונטער די טערקישע מלוכה און אונז קענען זיך נישט אריין מישן אין פראבלעמען פון אנדערע לענדער.

חברי הועד זענען ארויס אינגאנצן ערשטוינט פון דער רב, און אויך די וואס האבן אין אנהייב נישט אנגענומען ערנסט דעם רב האבן געמוזט מודה זיין אז ביידע רבנים רעדן דברי אלוקים חיים.

צומארגנס אינדערפרי האט דער רוסישער קאנסל באקומען א בריוו צוריק צו שיקן קיין נאוואמינסק:

"כבוד הרב ראבינוביץ פון נאוואמינסק.

אלץ דער הויפט ראבינער פון ירושלים וואס איז א טערקישע אטאריטי בין איך נישט ערלויבט זיך אריין צו מישן אין ענינים וואס געהערן צו אנדערע לענדער.

על החתום דער ירושלימער רב"

וואכן שפעטער זענען אנגעקומען די רוסישע צייטונגען פון יענע טעג, און זיי האבן מיט גרויסע ווערטער דערציילט: "די סייעתא דשמיא פון רבני ירושלים און זייערע קלוגע ענפער האבן געראטעוועט די יידן אין נאוואמינסק פון א שרעקליכע פאגראם".

*

אין יעדע נארמאלע לאנד איז דא געזעצן, און אויב ס'איז דא געזעצן איז אויך דא שופטים וואס פירן דינים פאר מענטשן וואס האבן עובר געווען אויף די געזעצן, און אויך שוטרים וואס זארגן אז די לאנד זאל זיך פירן ווי אזוי ס'דארף צו זיין מ'זאל קענען לעבן אין די לאנד ווי א מענטש, דאס איז א פשוט'ע זאך אין די וועלט, איז וואס האט אונז די תורה אויב אזוי געגעבן די מצוה פון "שופטים ושוטרים תתן לך"?

נאר די תורה לערנט אונז דא אויס א יסוד, אלע פעלקער האבן געבויעט ביי זיך א סיסטעם פון געזעצן און געשטעלט שופטים און שוטרים אויף צו פאסן אויף דעם, אבער דאס איז מכח זייערע אייגענע שכל, א שכל פון א מענטש האט זיינע אייגענע נגיעות און זיינע אייגענע השקפות און ער בויעט אויף די געזעצן לויט דעם.

ווען א מענטש קומט מכח זיין אייגענע שכל קען טאקע זיין אז אין זיין לאנד איז אויך דא א געזעץ פון "לא תרצח" אז מ'מעג נישט הרגענען, אבער וועמען מעג מען נישט הרגענען? דאס קען מען שוין אליין מחליט זיין אז דאס מיינט נאר מענטשן וואס זענען פון די ריכטיגע אפ שטאם, אבער אנדערע זענען גארנישט מענטשן, און אזוי קענען די דייטשע רוצחים ימ"ש בלייבן אנשטענדיגע חיות און אריין שיקן יידן אין די גאז מיט א שיינע באגריסונג פון "ביטע שיין", ווייל געזעצן וואס קומען מיט מענטשליכע שכל זענען נישט געבויעט אויף די אמת, זיי זענען געבויעט אויף אייגענע אינטערעסן.

חוקי התורה זענען אינגאנצן אנדערש אויף געבויעט, די תורה איז אזאך וואס איז נישט תלוי אין קיין שום מענטש און אין קיין שום אינטערעס, דאס איז העכער פון די וועלט און דרך התורה איז די איינציגסטע וועג צו שטעלן ריכטיגע געזעצן, און די איינציגע וועג דן צו זיין א דין אמת, אין דער כח האט דער אייבישטער געגעבן פאר די דיינים אין יעדע דור, די שופטים ושוטרים

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה:** איך בין א יונגער בחור איך האב יעצט געענדיגט חיידער און איך גיי נעקסטע זמן ארויף אין ישיבה, איך וואלט געוואלט וויסן אפאר עצות ווי אזוי איך זאל מצליח זיין אין ישיבה?

## תשובה:

פאמיליע בלומברג האט באשטימט איין טאג אין די האלידעי ארויס צו פארן א גרויסע און א שיינע אאוטינג פאר די גאנצע משפחה צוזאמען, דער טאטע האט א טאג פריהער געזאגט פאר די קינדער אז ער וויל ארויס פארן אויף א ערנסטע זאך, ער ווייסט נאך נישט פונקטלעך צו ווי, איז יעדער זאל טראכטן א געדאנק צו ווי מ'קען פארן א שיינע פלאץ און מ'וועט זעהט שפעטער צו ווי מ'פארט.

דער בחור האט גענומען די מאפ און געזוכט א שיינע פלאץ און ער האט אויך געטראפן זייער א גוטע פלאץ וואס ס'איז אויך זייער שיין און מ'קען זיך גוט ארויס געבן דארט, די שוועסטער איז אין די זעלבע צייט געזעצט מיט איהרע חבר'טע אויפן פאן און געפלאנט א שיינע אינטערעסאנטע מוזיאום וואס מ'קען דארט פאר'ן נאר צוויי שעה אוועק, דער אנדערע בחור האט געטראפן א שיינע פארק מיט פיל אקטיוויטייטן דריי שעה אוועק, און די קלענערע שוועסטער האט אויך געטראפן זייער א שיינע פלאץ ווי מ'קען פארן.

ויהי היום דער עולם איז אויף געשטאנען פרי מיט פרישע כוחות דער טאטע מיט די בחורים זענען געגאנגען דאווענען מיט'ן נץ, און זיבן א זייגער איז שוין דער גאנצער עולם געווען גרייט ארויס צו פארן אויפ'ן וועג, מ'האט אנגעפאקט גענוג עסן און טרינקען פאר די שיינע טאג וואס ס'גייט זיין, און מיט א גוטע שעה איז מען ארויס אויפ'ן וועג, אבער, ביים ארויס גיין פון שטאט האט זיך שוין אנגעהויבן די איבערקערעניש.

רעכט'ס אדער לינקס? - פרעגט דער טאטע.

רעכט'ס - רופט זיך אן דער גרויסער בחור.

דער טאטע איז אריין געפארן רעכט'ס, נאך א שעה פארן רופט זיך אן די טאכטער וואס האט זיך אויף געכאפט פון איהר פאן.

טאטע די ביסט נישט אויף די וועג - רופט זי זיך אן - איך האב דא די מאפ און די ביסט פונקט פארקערט פון די ריכטיגע וועג די דארפסט נעמען א לינקס אין די נעקסטע געלעגנהייט און צוריק פארן, די וועג איז פארלענגערט געווארן מיט זייער אסאך.

אין די נעקסטע אקזיט האט דער טאטע גענומען א לינקס און זיך געטראפן אין א לאנגע טרעפיק וואס האט גענומען נאך א לאנגע צייט, נאר כדי צו הערן נאך א שעה פון דער דריטער קינד אז ער האט גאר נישט געדארפט אריין פארן אין דעם גאס און ער מוז אלעס צוריק פארן ווייל ער האט זיך נאר דערוואטערט פון די פארק וואס ער האט געטראפן.

דער טאטע האט איינגעשלינגען א קרעכץ און ביי די נעקסטע געלעגנהיט האט ער זיך צוריק געדרייט און צוריק געפארן די גאנצע וועג און ארויף אויף די ערשטע וועג וואס ער איז געפארן.

ס'איז נישט אריבער צו פיל צייט און דער גרויסער בחור רופט זיך אן צום טאטע'ן אז מ'דארף ארויס גיין אין די נעקסטע אקזיט, אבער פינף מינוט נאך ווען ער איז ארויף אויף א לאנגע און א שנעלע וועג האט זיך אנגערופן זיין יונגער בחור אז ער איז ארויס אין די פאלטשע אקזיט און יעצט האט עס פארלענגערט די וועג מיט נאך א שעה.

די זייגער האט זיך געריקט און די עולם איז געווארן הונגעריג און איינס א זייגער האט מען זיך אפ געשטעלט צו עסן עפעס, נאך כמעט זעקס שעה פון פארן האבן זיי זיך געטראפן אין א סטיישן זיצן און עסן, נישט וויסענדיג ווי זיי זענען און צו ווי זיי פארן.

צוויי א זייגער זענען זיי צוריק אריין אין קאר, און ארויס אויפ'ן וועג.

יעצט רעכט'ס - האט דער ערשטער געוויזן די וועג.

יעצט לינקס האט דער נעקסטער זיך אנגערופן ביי די נעקסטע אקזיט.

פיר א זייגער האט שוין דער טאטע פארשטאנען אז אויף אזא אופן וועט א שיינע אאוטינג נישט זיין היינט, האט ער באשלאסן אז נאר דער גרויסער בחור זאל ווייזן די וועג און קיינער זאל נישט אריין רעדן, און אזוי זענען זיי אנגעקומען צו זייער א שיינע פלאץ א מינוט נאך פינף צו זעהן ווי אזוי דער שומר שליסט צו די טויערן ביז מארגן איינדערפרי.

וואס איז געווען צום סוף? זיי זענען אנגעקומען אהיים בשלום און אנגעיאגט די לעצטע מנחה ביי די שקיעה, נאך מער פון צוועלעף שעה אין קאר.

פארוואס האט זייערע אאוטינג נישט געלונגען? ווייל יעדער האט געהאט א אנדערע מטרה צו ווי מ'וויל אנקומען און יעדער האט געצויגן אויף א צווייטע זייט.

ווען א מענטש ווייסט נישט צו ווי ער וויל אנקומען, וועט ער קיינמאל נישט וויסן די וועג וואס ער דארף גיין, און ער וועט קיינמאל נישט אנקומען.

איז כדי צו האבן הצלחה אין ישיבה דארפ'ן מיר ערשט קלאר מאכן ווי איך וויל אנקומען.

א בחור גייט אריין אין שיעור א' אין ישיבה און ער הייבט אן די ישיבי'שע לעבן וואס דאס איז א לאנגע וועג פון לפחות פינף זעקס יאהר, מוז מען די ערשטע זאך קלאר מאכן צו ווי וויל מען אנקומען? וואס איז די מטרה וואס וועגן דעם גייט מען אין א ישיבה? וואס וויל איך אויף טוהן אין די אלע יאהרן?

אויב דעם וואס איך וויל אין די גאנצע וועג איז אנקומען צו זיין א גרויסער, איז דאס זייער פשוט און איך דארף דעמאלס בעיקר משקיע זיין אין די קאך און זעהן גוט צו עסן, כדי איך זאל גוט וואקסן.

און אויב דאס וואס איך וויל איז אדורך שטיפן די יאהרן וואס מ'מוז נעבעך זיצן אין א ישיבה, ביז מ'וועט קענען גיין מאכן געלט, דארף איך זעהן משקיע צו זיין בעיקר אין א גוטע בעט דארט שטיפט מען אריבער די צייט די שנעלסטע.

אבער אויב ער וויל טאקע אריין קומען און ישיבה און אויס ניצן די צייט אויף די בעסטע וועג וואס ס'איז שייך, דארפ'ן מיר ערשט קלאר מאכן וואס איז די ריכטיגע מטרה וואס פאר דעם האט מען אויף געשטעלט א ישיבה, און וואי וויל מען אנקומען מיט דעם, און ווען איך וועל וויסן צו ווי איך וויל אנקומען, און איך וועל גיין לויט די פלאן וואס ברענגט מיר צו דעם פלאץ וועל איך זיכער קענען אנקומען און זעהן א גרויסע הצלחה אין ישיבה.

איז וואס איז די מטרה פון א ישיבה?

פון ווען דער מענטש ווערט געבוירן ביז די דרייצן יאהר איז ער א קטן ער איז נאך נישט מחוייב מיט די מצוות מדין תורה ער לערנט זיך אויס ווי אזוי צו מאכן די מצוות ער לערנט זיך אויס ווי אזוי צו לערנען און ווי אזוי צו דאווענען און ער גרייט זיך צו צו זיין א גדול און קענען מאכן זיין תפקיד פון א סאלדאט ביים אייבישטער'ס מיליטער און ארויס ברענגען זיין ספיציעלע חלק אין עבודת השם וואס נאר ער קען ארויס ברענגען דא אויף די וועלט.

ווען דער מענטש ווערט אלט דרייצן יאהר איז ער אריין אין זיין תפקיד און יעצט איז ער שוין א ריכטיגער מענטש און ער קען זין אנהייבן אויף צו בויען זיין רוחניות'דיגע לעבן.

די רוחניות'דיגע לעבן מיינט נישט נאר צו קענען לערנען א בלאט גמרא, ס'מיינט אויך נישט נאר אז מ'וועט קענען לערנען א סוגיא מיט די ראשונים און אחרונים, און דאס מיינט אויך נישט אז מ'וועט זיך קענען פארהערן א גאנצע מסכתא גמרא, דאס איז אלעס וויכטיג אבער דאס איז נאר די וועג און נישט די תכלית פון וואס מ'וויל אנקומען.

די מטרה וואס דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט איז "נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים" - דער אייבישטער האט געוואלט האבן א פלאץ דא הונטען אין די נידעריגע וועלט אז אויך אין די נידעריגע גשמיות'דיגע וועלט וועט א מענטש אריין ברענגען דעם אייבישטער, אויך ווען ער עסט און ווען ער טרינקט ווען ער איז אויף די גאס אדער אויף די געשעפטן זאל ער זיין מיט'ן אייבישטער צוזאמען, דאס מיינט נישט נאר אז ער זאל זאגן די ווערטער "ברוך השם" און "אם ירצה השם" נאר דאס מיינט ער זאל דאס לעבן און שפירן אין די מציאות ממש.

און דאס איז די הויפט מטרה וואס אונז גייען יעצט אין ישיבה, מיר גייען לערנען ווי אזוי צו פארשטיין און שפירן דעם אייבישטער, אויף צו בויען די הרגש אין עבודת השם, אזוי אז ווען מ'וועט מוז'ן ארויס גיין פון ישיבה צום לעבן אויף שטעלן א יידישע שטוב וועט דער אייביטשער זיין א חלק פון אונזערע טאג טעגליכע לעבן.

דאס זענען די יאהרן וואס דער מענטש בויעט אויף זיין גאנצע יידישע בליק און רוחניות'דיגע געפיל וואס וועט אים באגלייטן די גאנצע לעבן, ווי ער זאל נאר אנקומען, די ישיבה איז די פלאץ וואס מ'בויעט זיך אויף די רוחניות'דיגע בנין פאר די גאנצע לעבן.

פארוואס מוז עס זיין דווקא אין א ישיבה? און ווי אזוי פונקט וועט מען דאס קונה זיין אין ישיבה?

נעקסטע וואך אי"ה...

## המשך מעמוד ב'

פון כלל ישראל קומען נישט פון זייער כח און פון זייער שכל נאר פון די כח התורה וואס האט אונז געזאגט "שופטים ושוטרים תתן לך".

שלמה המלך זאגט אין משלי "לך אל נמלה עצל וראה דרכיה וחכם" - גיי לערן דיך אויס פון די מוריטשקע ווי אזוי זיך אויף צו פירן, וואס איז דא זיך צו לערנען פון די נמלה? דערציילט די מדרש אז ווען איין נמלה נעמט א קערן ווייץ און זי לאזט דאס איבער אינמיטן וועג, וועט דאס קיין אנדערע נמלה נישט אוועק גנבענען און נישט בארירן ווייל זיי שמעקן אז איינער פון זייערע חברים האט דאס שוין געכאפט, מ'זעהט פון דעם ווי אזוי זיי פאסן אויף נישט צו גנבענען איינער פונעם אנדערן און דאס דארף מען זיך אפ לערנען פון זיי.

אבער למעשה איז דאס שווער צו פארשטיין, ווייל ווען מ'וועט נאך קוקן אביסל טיפער די מעשים טובים פון די נמלה וועט מען זעהן אז ס'איז נישט אזוי פשוט ווי ס'זעהט אויס, קיינער האט נאך נישט געזעהן קיינמאל א נמלה וואס אקערט א פעלד, און א נמלה וואס זייט אן ווייצן, איז פון ווי האבן זיי די ווייצן? פון ווי האבן זיי אזוי פיל סחורה? אלא מאי אלעס איז איין שטיק גניבה, א גאנצע שבט פון גזלנים וואס לעבן נאר פון בארויבן די מענטשן וואס האבן שווער געארבעט אין זייערע פעלדער, איז וואס איז דא זיך אפ צו לערנען פון זיי? זיי זענען דאך די גרעסטע גזלנים וואס ס'איז דא, זיי לעבן נאר פון גזל?

די תירוץ איז - זאגט דער הייליגער חידושי הרי"מ - אז פון די נמלה קען מען זיך אפ לערנען ווי אזוי זעהט אויס איינער וואס לעבט לויט זיינע אייגענע געזעצן און לויט וואס ער פארשטייט, ווי אזוי זעהט אויס איינער וואס ער איז מחליט אויב דער דיין איז גערעכט און מ'דארף אים פאלגן אדער דאס מאל איז דער דיין נישט גערעכט, אזא איינער קען זיין דער גרעסטער רויבער און אויס זעהן פון אינדרויסן דער גרעסטער זהיר, די חכמת התורה איז די איינציגסטע וואס קען זאגן וואס הייסט גוט און וואס הייסט שלעכט וואס איז כשר און וואס נישט, און די כח האט דער אייבישטער געגעבן פאר די דיינים.

דאס קומט אונז די ברייתא אין סנהדרין ערקלערן "שופטים ושוטרים תתן לך" איז נישט ווייל מ'דארף מאכן סדר אין די לאנד, נישט ווייל דיין שכל פארשטייט אז ס'איז ריכטיג אזוי צו מאכן, נאר ווייל דאס איז א מצוה פון די תורה, אין די שופטים ושוטרים זענען נישט דיינע שלוחים נאר זיי זענען די שליחים פונעם אייבישטער צו פירן די לאנד, וממילא האבן זיי די כח פון די תורה און די ספיציעלע סייעתא דשמיא צו פסקענען און א דורך צו פירן זייערע פסקים.

אזאך וואס איז געבויעט אויף די שכל פון דער מענטש איז פיל מיט נגיעות און ער איז נישט ריין צו מחליט זיין וואס איז ריכטיג און וואס נישט, אבער די דיינים וואס זענען אוועק געשטעלט מכח התורה האבן די ריינע סייעתא דשמיא און קענען מקיים זיין די "ושפטו את העם משפט צדק".

און דאס איז אויך וואס די תורה שרייבט שפעטער "לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך" אפילו ווען דער דיין זאגט דיר אויף רעכטס אז ס'איז לינקס, אפילו דו ביסט זיכער אז די דיינים האבן געמאכט פארקערט פון וואס די שכל זאגט זאלסטו נישט פארגעסן אז דאס איז דיין שכל און נאר דיין שכל, דיין שכל איז א מענטשליכע שכל, און זיי האבן א געטליכע שכל ווייל זיי זענען אוועק געשטעלט מכח דעם פסוק פון "שופטים ושוטרים תתן לך".

און אויף דעם קומט רש"י און לייגט צו "וכל שכן כשהוא אומר לך על ימין ימין ושמאל שמאל" אויך ווען די פסק פון בית דין שטימט יא מיט דיין שכל, ביסטו נישט דער וואס גייט דא מכריע זיין אז מ'דארף יעצט פאלגן ווייל דו פארשטייסט אויך אזוי, דו דארפסט מקיים זיין די פסק ווייל די דיינים האבן אזוי געפסקנט און נישט ווייל דיין שכל איז מסכים צו דעם.

לויט דעם פאסט טאקע אריין ביי אונז און די פרשה דער פסוק "תמים תהיה עם ה' אלוקיך" אזוי ווי רש"י זאגט "התהלך עמו בתמימות" נעם אן די הלכה און די פסקים בתמימות, די דארפסט נישט מכריע זיין אויב די דיינים זענען גערעכט אדער נישט, ס'איז נישט דיינע ביזנעס, "התהלך עמו בתמימות" און דעמאלס וועט מען זוכה זיין צו וואס רש"י הקדוש פירט אויס "ואז תהיה עמו ולחלקו".

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW